יט. בנוגע צו פירש"י על סדרה זו, איז דא דער פירש"י אין דער פרשה פון די ברכות, אין קאפיטל כו פסוק ט׳, וואס דארטן שטייט: "ופניתי אליכם והפריתי אתכם והרביתי אתכם והקימותי את בריתי אתכם". שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "ופניתי אליכם", און איז מפרש: "אפנה מכל עסקי לשלם שכרכם". דערנאך איז רש"י ממשיך, אז אויב מ׳וויל פארשטיין וואס דאס מיינט, וועט ער געבן אויף דעם א משל: "משל למה הדבר דומה למלך ששכר פועלים וכו׳ כדאיתא בת"כ". וואס ע"כ איז פירש"י.

איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק:

א) וואס איז שווער אין דעם פירוש פון "אפנה מכל עסקי לשלם

- שכרכם" -

שכרכם" וואס רש"י דארף דאס מבאר זיין מיט א משל, לכאו׳ איז דאך דאס פארשטאנדיק בפשטות?

ולאידך: אויב ס׳איז עפעס ניט פארשטאנדיק וואס דערפאר דארף רש"י ברענגען דעם משל, איז דאך ניט מובן וואס גיט צו דער משל אין הבנת הנמשל, ס׳איז דאך לכאו׳ די זעלבע זאך?

און מ׳דארף אויך זאגן אז דער ביאור אין דערויף ליגט נאר אין די ווערטער "משל למלך ששכר פועלים", ווארום דאס זיינען די איינציקע ווערטער וואס רש"י ברענגט אראפ פון דעם משל, מוז מען דאך זאגן אז אין די ווערטער ליגט דער גאנצער ביאור (נאר רש"י איז מוסיף אז אויב דער קינד וועט וועלן וויסן אלע פרטים פון דעם משל, זאל ער קוקן אין תו"כ, און דארטן וועט ער זעהן די אלע פרטים פון דעם משל).

ב) דערנאך ווערט א קושיא ממקום אחר: אין פ׳ אחרי (יז, י) בנוגע צו דעם איסור פון דם, שטייט אויך "ונהתי פני" - אבער דאס איז אין דעם צד השלילה, דער ענין פון עונש - און רש"י איז מפרש "פונה אני מכל עסקי ועוסק בו"; עד"ז אין פ׳ קדושים (כ, ג) בנוגע צום איסור פון מולך, שטייט אויך "ואני אתן את פני", און רש"י איז מפרש "פונה אני מכל עסקי ועוסק בו";

וואס אין די ביידע ערטער זאגט רש"י דעם פי׳ בפשטות, און ברענגט <u>ניט</u> קיין משל אויף דעם, איז דאך ניט פארשטאנדיק: אויב דער ענין פון "פונה מכל עסקי כו׳" איז ניט מובן בפשטות, וואס דערפאר דארף דא רש"י ברענגען א משל, האט ער געדארפט ברענגען דעם משל צום ערשטן מאל וואו ס׳שטייט דער ענין; און אויב דער ענין איז מובן בפשטות, איז פארוואס דארף דא רש"י ברענגען א משל?

ג) בשעת מ׳גיט א קוק אין תו"כ, זעט מען אז דער משל איז: "למלך ששכר פועלים הרבה, והי׳ שם פועל אחד ועשה עמו מלאכה ימים הרבה, נכנסו הפועלים ליטול שכרם ונכנס אותו הפועל עמהם, אמר לו המלך לאותו הפועל בני אפנה לך, הרבים הללו שעשו עמי מלאכה מועטה, אני נותן להם שכר מועט, אבל אתה חשבון רב אני עתיד לחשב עמך. כך היו ישראל בעוה"ז מבקשים שכרם מלפני המקום, ואו"ה מבקשים שכרם לפני המקום, והמקום אומר להם לישראל בני אפנה לכם, או"ה הללו עשו עמי מלאכה מועטה ואני נותן להם שכר מועט, אבל אתם חשבון רב אני עתיד לחשב עמכם, לכך נאמר ופניתי אליכם".

זיינען דא מפרשים (עשיריה האיפה) וואס ווילן לערנען, אז דער פי׳ פון דעם נמשל איז, אז אידן האבן געבעטן שכר בעוה"ז, און דער אויבערשטער האט זיי געזאגט אז זיי וועלן באקומען שכר רב אין עוה"ב.

ס׳איז אבער אינגאנצן היפך פון פשט"מ, ווארום פון פשטות הכתובים איז דאך פארשטאנדיק אז דא רעדט זיך וועגן יעודים <u>גשמיים</u>, אז ס׳וועט זיין "ונתתי גשמיכם בעתם", ווי רש"י טייטשט אפ "בלילי שבתות", און "ונתנה הארץ יבולה גו׳", אז ס׳וועלן זיין "הטים ככליות", ועד"ז שאר הברכות המנויות בפרשה זיינען דאך יעודים גשמיים. וכמובן אויך דערפון וואס ביי די קללות שטייט אז מ׳וועט אוועקגיין פון א"י (כו, לג), וואס דערפון איז מובן אז די ברכות זיינען פארבונדן מיטן געפינען זיך אין א"י כפשוטה.

איז בנוגע צום תו"כ, דארף מען האבן א ביאור באזונדער ווי איז דאס מתאים מיט פשטות הכתובים, אבער דארטן קען מען דאך זאגן אז ס׳איז אן ענין של דרוש וכו׳; משא"כ אבער בנוגע צו פירש"י, וואס דאס איז דאך פשש"כ - איז ניט מובן וואס איז דער נמשל פון דעם משל אין פשש"כ?

- ד) וואס -

ד) וואס איז דער דיוק פון "משל <u>למלך</u> ששכר פועלים", לכאו' קען דאך זיין דער זעלבער משל (ניט נאר ביי א מלך, נאר) ביי יעדער מענטש וואס דינגט פועלים, וואס זיין הנהגה איז אז ער איז פונה מכל עסקיו, און באצאלט דעם פועל וואס האט געמאכט די מלאכה מרובה, איז וואס איז רש"י מדייק "משל <u>למלך</u> ששכר פועלים"?

כ. דערנאך ברענגט רש"י די ווערטער "והפריתי אתכם", און ער טייטשט אפ "בפרי' ורבי'", און "והרביתי אתכם" מיינט "בקומה זקופה".

איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק:

רש"י האט שוין מפרש געווען אויף "פרו ורבו" (בראשית א, כב), אז "אם לא נאמר אלא פרו, הי' אחד מוליד ולא יותר, ובא ורבו, שאחד מוליד הרבה" - איז ניט מובן פארוואס איז רש"י משנה בפרשתנו און זאגט אז "והפריתי" (אליין) מיינט "בפרי' ורבי'", און "והרביתי" מיינט "קומה זקופה", לכאו' וואלט רש"י געדארפט זאגט אזוי ווי אין פ' בראשית, אז "והפריתי" מיינט אז אחד מוליד אחד, און "והרביתי" מיינט אז אחד מוליד הרבה (אפי' אויב מ'וועט זאגן אז רש"י דארף איבער תזר'ן דעם פי' וואס ער האט שוין געזאגט אין פ' בראשית, ווייל ס'קען זיין אז דער בן חמש האט דאס שוין פארגעסן)?

ס'איז דא מפרשים (שפ"ת) וואס ווילן זאגן אז רש"י דארף משנה זיין מפירושו אין פ' בראשית, דערפאר וואס דא שטייט (ניט "והפריתי והרביתי אתכם", נאר) "והפריתי <u>אתכם</u> והרביתי <u>אתכם</u>", ד.ה. אז וויבאלד מ'איז מפסיק צווישן "והפריתי" און "והרביתי" מיטן ווארט "אתכם", דארף מען זאגן אז ס'איז ניט דער זעלבער פי' פון "פרו ורבו" (וואס שטייט צוזאמען).

מ'קען אבער אזוי ניט לערנען, ווארום: ביי ישמעאל שטייט דאך אויך "הפריתי <u>אותו</u> והרביתי <u>אותו</u>" (לך יז, כ), און אעפ"כ שטעלט זיך ניט רש"י אויף דעם צו זאגן אז וויבאלד מ'איז מפסיק מיט "אותו", איז דאס אן אנדער פירוש?

די מפרשים הנ"ל ווילן זאגן אז דאס וואס ס'שטייט ביי ישמעאל "הפריתי <u>אותו</u>", קומט דאס ממעט זיין אז נאר ביי אים וועט זיין די ברכה פון פרי' ורבי', און ניט ביי בני קטורה - אבער רש"י זאגט דאך ניט דעם פי', איז דאך ניט מובן פארוואס איז רש"י משנה דעם פי' בפרשתנו, און ער זאגט ניט ווי ער איז מפרש אין פ' בראשית?

ועד"ז בנוגע צו "והרביתי אתכם", וואס רש"י זאגט אז דאס מיינט "בקומה זקופה" - איז אה"נ אז מ'קען טאקע טייטשן אז "הרביתי" מיינט א ריבוי (ניט בכמות, נאר) באיכות - בקומה זקופה, ע"ד ווי ס'שטייט "ורב יעבד צעיר" (תולדות כה, כג), וואס דער פי' בזה איז דאך, אז "רב" מיינט אן ענין של חשיבות וכו' (ריבוי באיכות), אבער אעפ"כ איז ניט מובן פארוואס דארף מען ארויסנעמען דעם פסוק מפשוטו, און טייטשן אז דאס מיינט "בקומה זקופה", לכאו' האט רש"י געדארפט מפרש זיין אזוי ווי ער האט מפרש געווען אין פ' בראשית?

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

כג. רער ביאור אין פירש"י:

רש"י בפירושו זה קומט צו פארענטפערן א קלאָץ קושיא וואס איז דא אין דעם פסוק, וכמדובר כמ"פ, אז דוקא אויף די קלאָץ קושיות שטעלט זיך קיינער ניט - און דאס איז:

אין דער פרשה רעדט זיך דאך וועגן די יעודים וואס דער אויבערשטער זאגט צו אידן אז "אם בחוקותי תלכו וגו׳", וועט זיין "ונתתי גשמיכם בעתם" ביז צו "ואולך אתכם קוממיות" - און אינמיטן פרשה שטייט "ופניתי אליכם" -

- ווערט -



הנחת הת׳ בלתי מוגה

ווערט ביים בן חמש למקרא א שאלה: ער ווייסט שוין פון פירש"י פריער אז דער ענין פון "ופניתי" מיינט "פונה מכל עסקי וכו׳" (כנ"ל סי"ט) - אבער דא איז לכאו׳ שווער צו לערנען אזוי, ווארום לפי"ז איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק פארוואס שטייען די ווערטער ("ופניתי אליכם") אינמיטן פרשה; זיי האבן געדארפט שטיין אדער צום אנהויב פרשה אדער צום סוף פרשה?

און אויף דעם זאגט אים רש"י, אז אעפ"כ איז אויך דא דער פי׳ פון דעם ווארט "ופניתי" אזוי ווי פריער - "אפנה מכל עסקי לשלם שכרכם";

און די קושיא הנ"ל, פארענטפערט ער דערמיט וואס ער זאגט "משל למה הדבר רומה למלך ששכר פועלים" - וואס אין די דריי ווערטער ("למלך ששכר פועלים") ליגט דער ביאור הענין, נאר ליתר הסברה זאגט רש"י "וכו׳ כדאי׳ בתו"כ", ד.ה. אז אויב דער בן חמש וועט וועלן וויסן פרטי המשל, קען ער א קוק טאן אין תורת כהנים, אבער צו פארשטיין דעם פסוק דארף מען בעיקר וויסן די ווערטער "למלך ששכר פועלים".

כד. והביאור בזה:

בשעת מען זאגט דעם בן חמש למקרא אז א <u>מלך</u> האט געדונגען פועלים - טענה׳ט ער אז דאס איז לגמרי ניט קיין פארשטאנדיקע זאך: צוליב וואס דארף א מלך <u>דינגען</u> פועלים פאר <u>שכר</u>, וויבאלד אז ער איז דער מלך פון דער מדינה, קען ער הייסן די בני המדינה זיי זאלן דאס טאן, וועלן זיי דאס מוזן טאן, ווארום מ׳מוז דאך פאלגן דעם מלך? מילא א אדם פשוט, אפי׳ א שר, איז וויבאלד אז ער איז ניט דער מושל אויף דער מדינה, איז פארשטאנדיק אז ער דארף דינגען פועלים פאר געלט - אבער א מלך דארף דען <u>דינגען</u> פועלים?!

מוז מען זאגן אז דא רעדט זיך ניט וועגן אזעלכע זאכן וואס בני המדינה זיינען מחוייב טאן פארן מלך מצד הנהגת המדינה, נאר עס רעדט זיך בשעת די זאכן וואס מ׳איז מחוייב האט מען שוין אפגעטאן, נאר דער מלך וויל אז מ׳זאל טאן דברים <u>נוספים</u>, וואס אויף זיי מוז ער דינגען פועלים און זיי צאלן שכר.

און בנוגע צו די פועלים זאגט מען דעם ענין פון "אפנה מכל עסקי", ווי ער פירט אויס דעם משל אין תו"כ - אבער רש"י מוז דאס ניט ברענגען בפירושו, ווארום דער בן חמש למקרא פארשטייט אליין אז בשעת ס׳איז דא א גרעסערע זאך (שכר מרובה) און א קלענערע זאך (שכר מועט), איז מען פונה פון דער קלענערער זאך צו דער גרעסערער. און ווי ער ווייסט דאס פון זיך אליין, בנוגע זיינע צאצקעס, אז ער איז פונה פון די קלענערע צאצקעס צו די גרעסערע.

כה. עד"ז איז דאס אויך אין נמשל:

אין אונזער פרשה שטייט "אם בחוקותי תלכו וגו׳", טייטשט דאך אפ רש"י אז דאס מיינט דעם ענין פון "<u>עמלים</u> בתורה", ד.ה. ניט סתם לימוד התורה כפי ציווי הקב"ה, נאר <u>עמל</u> בתורה - וואס דאס איז ע"ד ווי דער ענין פון "מלך ששכר פועלים", ווארום מ׳טוט אן ענין <u>נוסף</u> אויף דעם וואס מ׳דארף טאן מצד ציווי הקב"ה סתם, און דעריבער קומט דערפאר א שכר מיוחד.

און דערפאר הויבט ער אן פריער מיטן שכר וואס קומט פאר לימוד התורה סתם (ווארום דער <u>עמלים</u> בתורה איז דאך אויך כולל דעם לימוד התורה סתם), און דערנאך, באמצע הפרשה, איז ער ממשיך דעם עילוי וואס איז דא

- אין -



<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

אין דעם שכר אויף "עמלים בתורה" - "ופניתי אליכם", אז אלע ברכות זיינען אין אן אופן פון "ופניתי אליכם", מעין הענין ד"ונפלינו".

וואס דער ענין פון "אפנה מכל עסקי כו'", וואס איז דא ביי אידן לגבי או"ה, איז שייך דוקא בשעת ס'איז דא אן ענין של הוספה אין דער עבודה - עמלים בתורה, משא"כ בשעת מ'טוט נאר וויפל מ'דארף טאן מצד החיוב, ווארום ביי בני נח איז דאך אויך דא דער קיום פון זייערע שבע מצוות בני נח והלימוד השייך לזה;

נאר דוקא ווען ביי אידן איז דא די הוספה אז מ'איז "עמלים בתורה" וכו' ("מלך ששכר פועלים") - דעמולט קומט זיי אן ענין של שכר מיוחד, "אפנה מכל עסקי וכו'", וואס דאס איז אינגאנצן שלא בערך צום שכר פון בני נח *).

און דאס איז אויך די כוונה אין תורת כהנים, אז עס רעדט זיך טאקע וועגן דעם שכר בעולם הזה, אז דאס איז אין אן אופן פון "אפנה מכל עסקי וכו'" - נתינת השכר צו או"ה, און ער גיט שכר אידן, און ניט כפי' המפרשים הנ"ל אז דאס מיינט אז אידן וועלן באקומען שכר עדשט בעוה"ב.

כו. לויט דעם וועט מען אויך פארשטיין פארוואס רש"י טייטשט "והפריתי אתכם - בפרי' ורבי'":

וויבאלד דא רעדט זיך וועגן א שכר מיוחד וואס קומט מצד דעם ענין פון "ופניתי אליכם", וואס דאס איז ניטא ביי בני נח, קען מען דאך ניט זאגן אז "והפריתי אתכם" מיינט נאר "פרי'", אחד מוליד אחד, ווארום דער ענין איז דאך דא אויך ביי בני נח, והראי': מ'זעט דאך אז ס'איז דא דער קיום המין!

מוז מען דאך זאגן אז דא קומט צו א שכר מיוחד - אז אין "והפריתי" ווערט שוין נכלל אויך דער ענין פון רבי'. ד.ה. אז ס'איז ניט ווי ביי או"ה, וואס אע"פ אז ביי זיי איז אויך דא דער ענין פון פרי' ורבי', איז דאס דוקא במקום שנאמר בשני חיבות - "פרו ורבו", משא"כ ביי אידן שטייט דאס אין איין ווארט, ונוסף ע"ז שבישראל ווערט נכלל דער ענין פון רבי' אין "והפריתי" גופא **).

און דערפאר זאגט רש"י אז "והרביתי אתכם" מיינט "בקומה זקופה", וואס דאס איז מצד דער ברכה מיוחדת פון ופניתי אליכם", אז ניט נאר וואס "ורב יעבד צעיר", נאר דער צעיר גופא ווערט אין אן אופן פון "והרביתי" - "בקומה זקופה".

כז. כמדובר כמ"פ אז אין רש"י איז דאך אויך דא "יינה של תורה", איז עד"ז אויך בפירש"י זה:

רש"י זאגט "אפנה מכל עסקי" - וואס דער עסק פון דעם אויבערשטן איז דאך כמבואר בכ"מ אין חסידות, און אויך אין אגה"ק (סי"ז) אז מצותו

- של -

---

*) ואף שמ"ש בחז"כ "מלך ששכר פועלים" הכוונה בזה גם לאו"ה - הרי ע"פ פש"מ ישנם חסידי או"ה.

**) והעילוי שבזה הוא כבפשטות - שכשמוליד אחד כולל גם רבי' שהנולד לא יהי' עקר ועקרה וכו', ושיוליד רבים - כביצחק לאבדהם - עד סוף כל הדורות, שעל כיו"ב נאמר ארבה את זרעך. וזהו "מאתיים" לגבי (אחד מוליד רבים) "מנה", דאתיא בק"ו. משא"כ באו"ה, דמה שא' מוליד א', מספיק ע"ז חלק מהאומה, שע"ז יהי' קיום אומה זו.

וכן - כיון דפונה מעסקי, וכשנאמר "והפריתי" ה"ז בענין ד"בני". מובן דצ"ל לא פחות מאשר ב(ישמעאל)עסקי - גם רבי'.

של הקב"ה איז דאס מצות הצדקה, ווי ס'שטייט "רחבה מצותך מאד" (תהלים קיט, צו), ווארום גאנץ סדר השתלשלות, און אלץ וואס דער אויבערשטער האט געמאכט איז אן ענין פון "צדקה":

דער אויבערשטער איז קיינעם גארניט מחוייב ח"ו און איז אין גארניט מוכרח, און אלץ וואס ער טוט איז נאר בבחירתו החפשית, ווייל אזוי האט ער בוחר געווען ברצונו הפשוט, און עס האט געקענט זיין באופן אחר - ספירות אין קץ, און דאס וואס ס'איז דא עשר ספירות, איז דאס נאר מצד רצונו.

- דער ערשטער צמצום, דער ערשטער קו, דער ערשטער מטי ולא מטי - איז דאס אלץ "בריש הורמנותא דמלכא" (זח"א טו, א), ברצונו הפשוט פון דעם אויבערשטן.

דאס זיינען אבער אלץ ענינים פון גילויים, ווארום וויבאלד אז ס'איז "עסקי", איז דאס אן ענין של גילויים, וואס דער ענין פון גילויים איז פארבונדן מיט התחלקות, ווארום אפי' דער ענין פון "הי' הוא ושמו בלבד" (פרדר"א פ"ג), איז דאך דאס אן ענין של התחלקות, ס'איז דא "הוא" און ס'איז דא "שמו" (דאס איז נאר אין אן אופן פון "בלבד") - אבער עצמות איז העכער פון כל הגילויים וכו'.

און וויבאלד אז ס'איז דא א העכערע דרגא אין דעם אויבערשטן, מוז מען זאגן אז א איד קען אהינצו דערגרייכן, ווארום א איד איז דאך א "חלק אלקה ממעל ממש" -

און אויף דעם זאגט מען אז א איד קען דערגרייכן אין עצמות אליין, וואס דערפאר זאגט דער אויבערשטער "אפנה מכל עסקי", וואס "עסק" איז אן ענין פון גילויים, אבער דא האט מען עצמות אליין וואס איז העכער פון "עסקי", און ער שטייט אין אן אופן פון "ופניתי" - זיין פנימיות.

און דערפון איז די הוראה - אז בני חיי ומזוני רויחי איז דאס א זיכערע זאך אז דער אויבערשטער גיט אידן, "ונתתי גשמיכם בעתם וגו'", נאר דער חידוש איז נאכמער - אז דער אויבערשטער אליין איז פונה מכל עסקיו, ער לייגט אפ גאנץ סדר השתלשלות וגילויים אן א זייט, און פארנעמט זיך מיט א אידן, אז א איד איז מיט עצמות - "אנא נסיב מלכא" (איכ"ר פ"ג, ח).

כח. לפי"ז שטעלט זיך אבער די שאלה: וויבאלד אז עצמות אליין איז "ופניתי אליכם" - איז וואס איז שייך ס'זאלן זיין דערנאך נאך ברכות, וואס איז שייך מערער דערפון?!

נאך א שאלה קען מען פרעגן: וויבאלד דא רעדט זיך וועגן עצמות אליין, איז וואס איז דא דער לשון "לשלם שכרכם", וואס דער ענין פון שכר איז דאך, ווי אין דעם משל כפשוטו, אז מ'צאלט אפ מיט אן אנדער זאך?

נאר דאס גופא איז דער ביאור אין דער ערשטער שאלה:

ס'איז דא דער אופן העבודה "ע"מ לקבל פרס", און דערנאך איז דא דער אופן העבודה שלמעלה מזה - "שלא ע"מ לקבל פרס".

און אויף דעם זאגט מען אז פריער איז דא דער ענין פון "שכר" - ניט דער ענין פון גילויים, נאר שכר וואס קומט מצד העצמות, ס'איז נאך אבער אן ענין של שכר;

ביז אז מ'קומט צום תכלית העילוי פון "ואולך אתכם קוממיות", אז בײדע קומות ווערן א "קומה אחת" (ב"ב עה, א), אז א איד פארבינדט זיך מיט עצמות אליין, ניט דער "שכר" וואס קומט פון עצמות, נאר עצמות אליין, "אנא נסיב מלכא", ביז אין אן אופן פון "ישראל ומלכא בלחודוהי" (זח"ג לב, א), "יהיו לך לבדך ואין לזרים אתך" (משלי ה, יז).

* * *

- כט. -

הנחת הת' בלתי מוגה